**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 04/17/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול לאזט אין גאנג סטעיטווייד אויסהערונג טור צו פארמערן ריינע וואסער, ריינע לופט, און גרינע דזשאבס ענווייראנמענטאלע באַנד אקט**

***סטעיטווייד סעריע פון פערזענליכע און ווירטואלע אויסהערונג סעסיעס***

***איין-מאל-אין-א-יאר-הונדערט פאנדינג געלעגנהייטן צו פארבעסערן און באשיצן קאמיוניטיס דורכאויס די סטעיט***

***בענעפיטן נעמען אריין פארמערן ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט, פארמינערן קלימאט טויש, שאפן דזשאבס, און באשיצן פובליק געזונטהייט***

גאווערנער קעטי האקול האט אנגעהויבן ניו יארק סטעיט'ס פייערונג פון ערד וואך היינט מיטן מעלדן א סטעיטווייד עדיוקעישאנעל אויסהערונג טור פאר די 4.2 ביליאן דאלערדיגע ׳ריינע וואסער, ריינע לופט, און גרינע דזשאָבס ענווייראנמענטאל באַנד׳ אקט פון 2022. ווערנדיג באשטעטיגט מיט א גרויסע מערהייט דורך רוב וויילער, טוט די באנד אקט פריאריטיזירן אינוועסטירונגען אין ענווייראנמענטאלע גערעכטיגקייט, קלימאט טויש פארמינערונג, ברעג ים צוריקשטעלונג, פארפלייצונג ווידערשטאנדספעאיגקייט, וואסער קוואליטעט, אפענע ספעיס לאנד קאנזערוואציע, פאררוויילונג ריסאורסעס, און גרינע דזשאבס. דער טור וועט צושטעלן א געלעגנהייט פאר די פובליק און פאטענציאלע פאנדינג אפליקאנטן צו געוואר ווערן מער וועגן די באנד אקט, און פאר די קאמיוניטי צו ארייננרעדן איבער די דרעפט באדינגונגען וואס ווערן אנטוויקלט צו טרעפן מעגליכע פראיעקטן.

"אין פארלויף פון די קומענדיגע פאר מאנאטן, וועט די באנד אקט אויסהערונג טור רייזן דורכאויס ניו יארק זיך צו פארבינדן מיט הויפט סטעיט באאמטע וועגן די היסטארישע און באדייטנדע אינוועסטירונג אין אונזערע ענווייראנמענט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער אויסהערונג טור וועט צושטעלן א געלעגנהייט פאר די פובליק, מיוניסיפאליטיס, און אנדערע מעגליכע אפליקאנטן צו אויסגעפינען ווי אזוי זיי קענען אויסנוצן די געלטער צו העלפן ניו יארק סטעיט דערגרייכן אונזערע קלימאט צילן בשעת'ן פארמערן אונזערע עקאנאמיע. אזוי ווי ערד וואך הויבט זיך אן היינט, קוקן מיר ארויס צו איינפירן די היסטארישע באנד אקט וואס וועט שאפן א גרינערע צוקונפט פאר אונזערע קאמיוניטיס, אונזער אינפראסטרוקטור, און אונזער פלאנעט."

די גרויסארטיגע ׳ריינע וואסער, ריינע לופט, און גרינע דזשאבס ענווייראנמענטאלע באַנד׳ אקט איז די גרעסטע אין ענווייראמענטאלע באנד אין סטעיט היסטאריע און די ערשטע אין ניו יארק זייט 1996. דער באַנד אקט מאכן 4.2 ביליאן דאלער אוועילעבל פאר ענווייראנמענטל און קאמיוניטי פראיעקטן וואס שטיצן אויך דזשאב שאפונג און א באדייטנדע אינוועסטירונג אין די ריינע גרינע סקולס איניציאטיוו וואס וועט דינען איבער 1,000 פובליק סקולס וואס מאנגלען אין ריסאורסעס. אנערקענען אז עמפינדליכע באפעלקערונגען זענען שטארקער אפעקירט דורך נעגאַטיוועע ענווייראנמענטל און קלימאט טויש

ווירקונגען, וועט אמוויניגסטנס 35 פראצענט פון באנד אקט בענעפיטן גיין פאר ארימע קאמיוניטיס. ספעציפיש, טוט די ענווייראמענטאלע באנד אקט אויטאריזירן:

- 1.5 - ביליאן דאלאר פאר קלימאט טויש פארמינערנג;
- 1.1 - ביליאן דאלאר פאר צוריקשטעלונג און פארפלייצונג ריזיקע פארמיידונג;
- 650 מיליאן דאלער פאר וואסער קוואליטעט פארבעסערונג און ווידערשטאנדספעאיגע אינפראסטרוקטור;
- 650 מיליאן דאלער פאר אפענע ספעיס לאנד קאנזערוואציע און פארווײלונג; און
- 300 מיליאן דאלער פאר אנדערע פראיעקטן וואס ווערן נישט ספעציפיש צוגעטיילט אינעם אקט.

די עדיוקעישאנעל אויסהערונג טור איז טייל פון די סטעיט'ס געטריישאפט צו א צוזאמענארבעטנדע און דורכזיכטיגע פראצעדור אינעם וועג ווי אזוי באנד אקט געלטער ווערן אויסגעטיילט. סעסיעס וועלן פארשטעלן א פארשטעלונג אויף די באנד אקט און א געלעגנהייט פאר איין-צו-איין געשפרעכן מיט סטעיט עקספערטן. זיצונגען וועלן זיין אפן צו דעם פובליק.

דער ערשטער פערזענליך געשפרעך וועט געהאלטן ווערן אום מאי 30 אום 1 p.m. ביי די אוניווערסיטעט ביי צענטער פאר מארגן - Buffalo. North Campus, 125 Service Center Road, זיך צו רעגיסטרירן, באזוכט https://www.ny.gov/bondact. נאך זיצונגען וועלן געמאלדן ווערן פאר צענטראלע ניו יארק, די אדיראנדעקס, אפער און לאוער האָדסאן וואלי, בראנקס, ברוקלין, און לאנג איילענד. צוויי ווירטועלע סעסיעס וועלן אויך געהאלטן ווערן.

סטעיט אגענטורן, לאקאלע רעגירונגען, און פארטנערס וועלן קענען האבן צוטריט צו ענווייראמענטאלע באנד אקט פאנדינג איבער א מולטי-יאר פראצעדור. אן אינטער-אגענטור ווארקינג גרופע זוכט יעצט נאך געברויכן פאר ענווייראנמענטאלע פאנדינג דורכאויס די סטעיט און אנטוויקלט לאגיסטיקס פאר באנד אקט איינפירונג. די אויפקלערונגס אויסהערונג טור וועט ארייננעמען די סטעיקהאלדערס און אנדערע אינטערעסירטע ניו יארקער כדי אויסצוגעפינען וועגן די סארטן פראיעקטן וואס די באנד אקט קען שטיצן און אנהויבן געשפרעכן וועגן בארעכטיגונג באדינגונגען פאר פאנדינג.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אָוו ענווייראנמענטעל קאנסערוועישען (DEC) קאמישענער און קלימאט אקציע קאונסיל מיט-פארזיצער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** "DEC איז צופרידן צו ארבעטן אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט און אנהויבן איינפירן די מערסט באדייטנדע ענווייראמענטאלע אינוועסטירונג אינעם יאר הונדערט. דער באנד אקט אויסהערונג טור איז א געלעגנהייט פאר DEC און אונזערע סטעיט פארטנערס זיך צו פארבינדן מיט קאמיוניטיס דורכאויס די סטעיט אויף באדייטנדע ענווייראנמענטל פראיעקן וואס וועלן אויך בענעפיטירן לאקאלע עקאנאמיעס. היינטיגע מעלדונג שטרייכט אונטער די סטעיט'ס געטריישאפט צו פארזיכערן קאמיוניטי אינפוט אויף די צוקונפט פון אונזער ענווייראנמענט, באקעמפן קלימאט טויש, און פארזיכערן אז סטעיט אינפראסטרוקטור איז ווידערשטאנדספעאיג."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזיענט און CEO און קלימאט עקשאן קאָונסיל קא-טשעיר דאָרין מ. העריס האט געזאגט,** "דער באנד אקט איז געוויס טייל פון די אומגלויבליכע מאמענטום צו פארמערן ניו יארק'ס קלימאט עקשאן ארבעט און, אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, וועט NYSERDA אויסנוצן באנד אקט פאנדינג צו העלפן שולע באס פלאטעס עלעקטריפיצירן זייערע באסעס, בשעת'ן אויך שטיצן פובליק שולעס וואס מאנגלען אין ריסאורסעס כדי זיי זאלן קענען מאכן ענערגיע-שפארזאמע און גרינע אינפראסטרוקטור אפגרעידס. די קומענדיגע אויסהערונג טורס זענען קריטיש כדי קאמיוניטי געברויכן דורכאויס די סטעיט זאלן ווערן באקאנט און קענען אינפארמירן סטראטעגישע באשלוס-מאכן וואס וועט בענעפיטירן אלע ניו יארקער."

**סטעיט פארקס קאמישאנער עריק קולעסייד האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט, אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, האט אן אויסטערלישע געלעגנהייט צו שאפן א ריינע ענווייראמענט, פארמערן ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט, אדרעסירן קלימאט טויש, און פארמערן צוטריט צו געזונטע אוטדאור פארוויילונג דורך די ענווייראמענטאלע באנד אקט. הערן געדאנקען פון יעדן ראיאן פון די סטעיט איז גאר וויכטיג צו די ערפאלגרייכע איינפירונג פון די איניציאטיוו. איך קוק ארויס צו די געשפרעכן מיט אונזער רעגירונג און קאמיוניטי פארטנערס."

**ניו יארק סטעיט ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קארפארעשאפט פרעזידענט און CEO מאורין א. קאולמאן האט געזאגט,** "EFC איז געטריי צו ארבעטן מיט DEC און אנדערע סטעיט פארטנערס צו פארזיכערן אז באנד אקט געלטער ווערן געשאנקען פאר די קאמיוניטיס וועלכע דארפן עס די מערסטע. גאווערנער האקול'ס אויסהערונג טור שטרייכט אונטער די סטעיט'ס געטריישאפט."

**ניו יארק סטעיט אגריקולטור קאמיסיאנער ריטשערד עי. באל האט געזאגט,** ״ניו יארק סטעיט איז אלעמאל געווען א פירער אין ענווייראנמענטאלע באמיאונגען, אריינרעכענענדיג אונזערע פארעמס, און די שטארקע שטיצע וואס מיר האבן געזען פאר די באנד אקט פאראיאר ווייזט נאר ווייטער וויפיל ניו יארקערס קומערן זיך מיט זייער ענווייראנמענט. דער אויסהערונג טור וועט געבן פאר אונזערע קאמיוניטיס די געלעגנהייט צו אריינרעדן אויף די אזוי די קריטישע לעגיסלאציע וועט העלפן רייניגן אונזערע וואסערוועגן, קאנזערווירן אונזערע איקאסיסטעמס, און אינוועסטירן אין א געזונטע צוקונפט פאר אונזער סטעיט. איך קוק ארויס צו הערן געדאנקען פון אונזערע פארטנערס אין אַגריקולטור אויף ווי אזוי מיר קענען ווייטער איינפירן די בעסטע פראקטיקן וואס באשיצן אונזערע נאטורליכע ריסאורסעס בשעת'ן שטיצן אונזערע פארמערס."

**ניו יארק סטעיט האומס ענד קאמיוניטי רינױעל קאמישענער רוט-ענע וויסנאוסקאס האט געזאגט**, ״דער באנד אקט איז א הויפט ביישפיל פון ווי אזוי ניו יארק אינוועסטירט אין אונזער צוקונפט. דער אויסהערונג טור וועט פארבינדן HCR'ס אפיס פון רעזיליענט הײמען און קאמיוניטיס און אונזערע פארטנערס מיט לאקאלע געגנטער צו פאראויס שטופן פראיעקטן וואס העלפן אדאפטירן צו א טוישנדע קלימאט און פארשטארקן לאנג-טערמיניגע סאסטעיניביליטי. מיר קוקן ארויס אויף אנטיילנעמען מיט קאמיוניטיס דורכאויס די סטעיט צו בויען ווידערשטאנדספעאיגקייט פאר לאנגע יארן."

**די נאטור קאנזערוועגסי'ס ניו יארק דירעקטאר פון פאליסי און סטראטעגיע דזשעסיקא אטני מאהאר האט געזאגט**, "ניו יארק'ס 4.2 ביליאן דאלערדיגע ריינע וואסער, ריינע לופט, און גרינע דזשאבס ענווייראנמענטאלע באַנד אקט שטעלט צו פאר קאמיוניטיס אן אויסערארדנטליכע געלעגנהייט צו באשיצן ריינע וואסער, פארמינערן פאלושאן, קאנזערווירן ווילדלייף האביטאט, און שאפן גוטע דזשאבס. דער נאטור קאנזערוועגסי אפלאדירט גאָווערנאָר האקול פארן אנהויבן איינפירונג פון די באנד אקט מיט אן אויסהערונג טור וואס וועט צושטעלן געלעגנהייטן פאר סטעיקהאלדערס צו געוואר ווערן וועגן אוועילעבל פאנדינג, מיטטיילן שטאנדפונקטן אויף קאמיוניטי געברויכן, און צושטעלן אינפוט אויף פראגראם דעזיין. דורכאויס די פריידיגע פראצעדור, וועלן קאמיוניטיס דורכאויס דעם סטעיט זיין אין א שטעלע צו פארווירקליכן דעם צוזאג פון די באנד אקט און אפגעבן פראיעקטן וואס פארבעסערן קוואליטעט פון לעבן יעצט און פאר צוקונפטיגע דורות פון ניו יארקער."

**דירעקטאר פון גאווערמענט רילעישאנס און פובליק פאליסי פאר סיניק האדסאן ענדי ביקינג האט געזאגט,** "פאריגן נאוועמבער, האבן ניו יארקער וויילער באשטעטיגט די ריינע וואסער, ריינע לופט, און גרינע דזשאבס ענווייראנמענטאלע באַנד אקט מיט א לענדסלייד. מיר זענען גאר צופרידן אז גאווערנער האקול וועגדט זיך צו לאקאלע קאמיוניטיס צו הערן וועגן זייערע געברויכן און ווי אזוי דער באנד אקט קען העלפן. דאס איז א פערפעקט געלעגנהייט פאר לאקאלע רעגירונגען און קאמיוניטי גרופעס צו

אידענטיפיצירן -- און אנהויבן צו אנטוויקלען -- פראיעקטן וועלכע וואס וועלן פארבעסערן אונזער געזונטהייט און וואוילזיין, שאפן דזשאבס, און באשיצן צוקונפטיגע דורות. אין א ראיאן וואס איז אזוי עקאנאמיש און קולטוריש פארשידנארטיג ווי די האָדסאן וואלי, איז די ארבעט גאר וויכטיג."

**פרעזידענט פון דער ניו יארק ליעגע פון קאנסערוועישען ווייטער דזשולי טיגהע האט געזאגט**, "די ניו יארק ליעגע פון קאנסערוועישען ווייטער אפלאדירט גאווערנער האקול'ס סטעיטווייד אויסהערונג טור צו זוכן אינפוט פון עקספערטן און לאקאלע קאמיוניטיס אויף די איינפירונג פון די ענווייראמענטאלע באנד אקט. ווען די 4.2 ביליאן דאלער מאסנאמען איז געווארן איבערוועלטיגנד באשטעטיגט דורך ניו יארקער ווייטער, איז עס געווען א שטוינענדע דעקלעראציע פון שטיצע פאר באקעמפן קלימאט טויש, פארזיכערן צוטריט צו ריינע טרונקען וואסער, און שטיצן ענווייראנמענטל גערעכטיגקייט, און מיר זענען זיכער אז די רעגירונג'ס געטריישאפט צו אנטיילנעמען סטעיקהאלדערס וועט פארזיכערן אז די געלטער ווערן פארטיילט ווירקזאם און די פראיעקטן וואס באקומען פריאריטעט וועלן האבן דעם גרעסטן ווירקונג."

מער אינפארמאציע איבער די באנד אקט איז אוועילעבל דא https://www.ny.gov/bondact.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418